בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב

**233**

**תשפ"ב**

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551


נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
718-387-2691


www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען עֶרְלִיךְ דִי קִינְדֶער וֶוען דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ?..........................................................................א

אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, וֶועט מִיר נָאךְ אַמָאל גוּט זַיין?.................ד

פַארְוָואס צָאלְט מֶען אַזוֹי וֶוייניג פַאר אַ מְלַמֵד?........................................י

מֶעג אַ חֲסִידִי״שֶער בָּחוּר הָאבְן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ עֶם. פִּי. טְרִי.?.........................יד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ שָׁאד דִי טַייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט קוּקְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים..............................................................................א

עֶס זֶעט אוֹיס עֶק וֶועלְט, אָבֶּער עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס טוֹבוֹת דֶערְפוּן ..........ב

מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת ..........ג

אַ מְחַיֶ׳ צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין ....................ג

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע וַוייבּ ...................ד

זַיי מַמְשִׁיךְ אִין הֲפָצָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אָבֶּער קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם ...ד

דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הַאנְט ...................ו

הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ זַיין אַזוֹי קַארְג..................................................ו

יֶעדְן לִיבּ הָאבְן, יֶעדְן גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער ...................................ז

הֵייבּ אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער ...................ח

הַכְנָסַת אוֹרְחִים רַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס......................................ח

מֶען טוּט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר׳ן רֶבִּי׳ן ............................................ט

מִיט׳ן קוֹל קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן פְּלָאנְטֶער אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּם
אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................................................................׳

דֶערְצֵייל אַלֶעס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְש ... יא

אִיךְ ווִיל אוֹיסְטֵיילְן נָאךְ סִפְרֵי תְּהִלִּים פַאר דִי תַּלְמִידוֹת ................... יא

אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה קָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, עֶס קָאסְט נָאר אַ לַאךְ .........יב

קֵיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד ........................................ יג

״עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים״ ................................................ יג

פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ טוּן .............................................יד

מִשְׁנַיוֹת מַאכְט דֶעם מֶענְטְש לוֹיטֶער אוּן רֵיין..................................... טו

פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת ................................. טז

נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען זֶעט בַּיי עֶלְטֶערְן...........................יז

הָאבּ רַחְמָנוּת אוּן גֵיי הֲפָצָה .......................................................יח

פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוּו בַּאקוּמְט מֶען עֶנְטְפֶערְס
אוֹיף יֶעדֶע פְּרַאגֶע אוּן סָפֵק ...................................................... יט

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קֵיין צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה....................כ

אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, רֶעד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן .................. כא

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען נָאר זַיין............כב

אֲפִילוּ אִידִישֶׁע ווִידִיאָס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן.................................... כג

פְרֶעגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ................................... כג

אֵיין שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְש צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.........כד

מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן ..............................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען עֶרְלִיךְ דִי קִינְדֶער וֶוען דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע חֲסִידִישֶׁע שְׁטוּב, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז זֵייעֶר גוּט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען צוּ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט אִידִישְׁקֵייט. אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְזֶען פַּאר אַ נִסָיוֹן, מַיין וַוייבּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אָבֶּער בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף זַאכְן, מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט סְמַארְטְפָאוֹנְס, סָאשֶׁעל מִידִיָא, אוּן דָאס גְלַייכְן. אִיךְ פְּרוּבִּיר אָנְצוּהַאלְטְן מַיין חֲסִידִישְׁקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים אוּן זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן, נִישְׁט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן פוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, דָאס אִיז מִיר אַ שְׁוֶועֶרֶע נִסָיוֹן. יֶעדֶער זִיצְט מִיט דִי כֵּלִים אוּן מֶען שִׁיקְט זַאכְן אֵיינֶער צוּם צְווייטְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מִיךְ ווִי אַ יָוָן אִין דִי סוּכָּה, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר מִיר?

סְפֶּעצִיעֶל אִיז מִיר שְׁוֶוער אוֹיב מֶען וַוייזְט דָארְט אַ ווִידִיאָ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דִי קִינְדֶער ווִילְן אוֹיךְ מִיטְהַאלְטְן; ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ בַּיי שְׁטַארְקֶע גְדָרִים, אָן צוּ גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר אַ הַייקֶעלֶע אוּן וויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, וַוייל פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט, מִיט אַ חָכָם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן פַארְפַאלְן גֵיין. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', מְחִיגֵר) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ חָכָם, אוּן דֶער קֵיסָר פוּן דִי לַאנְד אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער חָכָם, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז דֶער קֵיסָר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַפִּיקוֹרְסִים, בְּכֵן לָאמִיר אַוֶועקְגֵיין אִין מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא", זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מִדְבָּר אוּן דֶער חָכָם הָאט גֶעמַאכְט אַ רִינְג אַרוּם זֵיי אַז קֵיינֶער זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט (נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן) דִי רִינְג אִיז דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, ט): "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱמוּנָה - קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, וַוייל דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים הָאבְּן נָאר אַ שְׁלִיטָה וֶוען דִי אֱמוּנָה אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אַ טִיר אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה - קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אוֹיךְ אִיז אַ רִינְג אַ סִימָן פוּן אַחְדוּת, אַז מֶען מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע רִינְג, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען אִיז מְוַותֵּר אֵיינֶער פַארְ'ן

צְוֵויטְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט - דֶעמָאלְט הָאט דִי שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה, דֶעמָאלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נִצָּבִים, א): "בְּנֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, אִם נוֹטֵל אָדָם אֲגֻדָּה שֶׁל קָנִים, שֶׁמָּא יָכֹל לְשָׁבְרָם בְּבַת אַחַת", אַז מֶען מַאכְט אַ בִּינְטְל פוּן אַסַאךְ שְׁטֶעקֶענֶעס, קֶען מֶען דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, "וְאִלּוּ נוֹטֵל אַחַת אַחַת, אֲפִלּוּ תִּינוֹק מְשַׁבְּרָן", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אֵיין שְׁטֶעקְן בַּאזוּנְדֶער, קֶען דָאס אֲפִילוּ אַ קִינְד צֶעבְּרֶעכְן.

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן הִיטְן דִי שְׁטוּבּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען דַארְף שְׁטַארְק אַרְבֶּעטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, דָאס אִיז דֶער פוּנְדַאמֶענְט פוּן דִי שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם ווִי אַ הַיינְטִיגֶע זַאךְ, ווִי אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט בְּעֶצֶם אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִיד, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת; קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע רִינְג, טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ - וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר זֵיי.

קִינְדֶער וֵוייסְן אוּן שְׁפִּירְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן טַאטֶע מַאמֶע, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אָפְּנַארְן, זֵיי וֵוייסְן דָאס נָאךְ בֶּעסֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ פַאר זֵייעֶר עָתִיד.

דֶערְפַאר, אַז דוּ ווִילְסְט הִיטְן דַיינֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ זֶען צוּ טוּן וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן, מַאךְ אַ רִינְג אַרוּם דַיין מִשְׁפָּחָה; זֶע עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט, פַארְבְּרֶענְג אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז מֶער פוּן אַלֶעס. קִינְדֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט קַיין ווִידִיאוֹ"ס, אוֹיךְ רֶעד אִין שְׁטוּבּ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, שְׁמוּעֶס בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן

עֶרְלִיכֶע שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, וֶועט מִיר נָאךְ אַמָאל גוּט זַיין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַייךְ מַמָּשׁ מְקַנֵּא, ווִי אִיר גֶעבְּט שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, וּבִפְרָטִיּוּת אָנְצוּגֵיין מִיט טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען בָּאמְבֶּעס קֶעגְן דִי אַלֶע טְרֵיף פָּסוּל וָואס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אָן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם, שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, אֲרִיכוּת יָמִים און גֶעזוּנְט, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט חַיּוּת און שִׂמְחָה.

אִיךְ בִּין אַדוּרְךְ זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע לֶעבְּן, אִיךְ זוּךְ מִיךְ נִישְׁט צוּ צֶערְטְלֶען, אָבֶּער מוּמְחִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אִין מַיינֶע קוּרְצֶע יָארְן בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע יָאגְן נִישְׁט אָן צוּ זֶען אִין זִיבֶּעצִיג יָאר. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ און אִיךְ בִּין דָאס אַלֶעס אַרִיבֶּער, מַיין שְׁטְרֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ בְּלַאט און אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן זַיין נָע וָנָד.

דָא עָקָא, אִיךְ בִּין אַרַיין צוּם חֲתוּנָה בְּשִׁבְרוֹן לֵב מִכַּמָּה סִיבּוֹת, אִיךְ הָאב גֶעדַארְפְט אַלֶעס אַלֵיין צָאלְן, מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה און מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען, און נִישְׁט לַאנְג נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט מַיין וַוייבּ מִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט און צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר מַאמֶע, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אֲפִילוּ מֶען זָאגְט מִיר אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אַ קְלַאפְּטֶע.

דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאסְן פֶערְצִיג טֶעג נָאךְ וָואס אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים אִין יַבְנְאֵל, און אִיךְ הָאב אַלֶעס פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ הָאב אֲפִילוּ גֶעזָאגְט פִינְף מָאל רְצוּפוֹת תְּהִלִּים אִין יַבְנְאֵל. דִי רַבָּנִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט צוּ וַוארְטְן, זַאכְן וֶועלְן זִיךְ גוּט מְסַדֵּר זַיין מִיט דִי צַייט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר און גָארְנִישְׁט אִיז גֶעוָוארְן און מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט.

יֶעצְט בִּין אִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין עֶלְטֶערְן אָדֶער מִשְׁפָּחָה אוֹיף מַיין זַייט, אִיךְ בִּין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶער, אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל יְסוּרִים וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ חַתוּנָה הָאבְּן? וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף מִיר?

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר שׁוֹין יֶעצְט פַארְגִיטִיגְן אוֹיף מַיין שְׁוֶוערֶע עָבַר, עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ מֶען מֶעג טְרַאכְטְן אוֹיף אַזַא וֶועג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיר דֶען עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן בַּאֲמִירָה. אָבֶּער זַייט דֶעמָאלְט לֶערְן אִיךְ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, וַוייל פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעוְוּיסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אֵיינְמָאל שַׁ"ס בִּבְקִיאוּת, אוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם הָאבּ אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט יֶעצְט. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ פְּרוּבִּיר אָבֶּער אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר דִי אֲרִיכוּת, אִיךְ רֶעד בְּטֶבַע נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן (וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן פוּן מוֹהֲרַ"שׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְרָאפְן דֶערִין), אִיךְ הָאבּ מִסְתָּמָא קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ קֵיינֶעם אַזוֹי וִוי דָא, חוּץ וָואס אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שָׁעוֹת. אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי גְרוֹיס חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן דִי בְּרִיוו, הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן מַיינֶע וֵוייטָאגְן. אִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַאר'ן מַטְרִיחַ זַיין, אִיךְ הָאבּ בְּעֶצֶם פְּרוּבִּירְט זֵייעֶר מְקַצֵר צוּ זַיין, אָבֶּער חַיֵי אָדָם הָאט נִישְׁט קַיין קִיצוּר.

עֶס וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּפּ וַוייטֶער אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע לִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער מִיר מְחַזֵק צוּ זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

נ.ב. אִיךְ זָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים כִּמְעַט יֶעדְן טָאג.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעבּ אַ קוּק דִי הֶערְלִיכֶע חִיזוּק וָואס מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זִיךְ צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין** (צַוָואַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת יד)**: "אִיר דַארְפְט וִויסְן אוּן**

גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיטְן צִיל צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריקַייט וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחְנִיוּת. אִיר זָאלְט אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. שִׂמְחָה אִיז דֶער כְּלִי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. ווִי מֶער פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ. שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן וֶוען מֶען הָאט הַרְחָבַת הַדַעַת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע רוּחְנִיוּת'דִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אִיז נָאר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גוּף, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלַייטֶערְן נָאר דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אִיר הָאט יִסוּרִים, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט) 'טוֹב מְאֹד זוּ מִדַּת יִסּוּרִין, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיּוֹת בָּאִים לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא' - דִי יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אֵייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר.

גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) 'כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים' - וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסוּרִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס

מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אַ לַאנְג לֶעבְּן".

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט וַוייטֶער: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוַויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֶוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) 'צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיְסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיְסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא' - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרִי וָאֶתְחַנַּן) 'יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסוּרִין נִמְחָל לוֹ' - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אוּן דִי עֵצָה זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן יִסוּרִים אִיז צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסוּרִים מַאכְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק צוּ דִי אוֹיגְן אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה

צוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ו') 'אִם רָאִיתָ שֶׁיִּסּוּרִים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי תּוֹרָה, וּמִיַּד הַיִּסּוּרִים בּוֹרְחִין מִמְּךָ' - אוֹיב זֶעסְטוּ אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר יִסוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסוּרִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַזוֹיפִיל חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן אַזוֹיפִיל סְפָרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער, אִיר זָאלְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אִיר זָאלְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר זָאלְט מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן נָאר רַחֲמִים וַחֲסָדִים גְּמוּרִים".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; מוֹהֲרַנְ"ת זָאגְט (שָׁם, אוֹת יב): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רוּפְט דֶער רֶבִּי זַ"ל אָן 'הִתְבּוֹדְדוּת', דָאס מֵיינְט זִיךְ אוֹיס צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט עֶר אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן נִישְׁט בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וֶועלְכֶע קֶענֶען סֵיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, סֵיי דִי וֶועלְט אוּן סֵיי יֶענֶע וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן נָאר צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואו מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן אִין פַאל פוּן אַ צָרָה אִיז נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זָאגְט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק י״ג) 'לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם מְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁמַּגִּיעַ אֶל בֵּית עוֹלָמוֹ' - דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. וַוייל אוֹיבּ גְלֵייבְּט עֶר אַז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֵוייסְט עֶר אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס אַ גוּטֶע חֶשְׁבּוֹן מִיט דֶעם, דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י׳.): 'אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים' - אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִלָּה הֶעלְפְט שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶע'חַתְמְ'ט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אָבֶּער צוּ תְּפִלָּה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען דַארְף בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַן אָרִימַאן בֶּעט זִיךְ אַ מַתְּנַת חִנָם, נִישְׁט וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ אִים. מֶען דַארְף בֶּעטְן מִיט גֶעדוּלְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן, מֶען וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת חוּץ לַדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זֶען דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִיר נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נִישְׁט בְּרוּחְנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר דָאס אַרייְנְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דַאן וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה, יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס הֵייבְּט שׁוֹין יֶעצְט אָן דָאס צוּ טוּן, וֶוען עֶס אִיז נָאךְ יָא דָא אַ בְּחִירָה. וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס צָאלְט מֶען אַזוֹי וֵויינִיג פַאר אַ מְלַמֵד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ מְלַמֵד אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ פַארְדִין נִישְׁט גֶענוּג צוּ דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ בַּאקוּם מַמָּשׁ וִוי מֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דִי גַאס פַאר אַ בִּילִיגֶער אַרְבֶּעטֶער. פַאר יֶעדֶע זַאךְ פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז מֶען דַארְף צָאלְן נָארְמַאל, אוֹיסֶער פַאר אַ מְלַמֵד וָואס טוּט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט, זִיצְן אִין אַ קְלַאס מִיט לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אוֹיסְהַאלְטְן יֶעדְנ'ס שְׁוֶועריְקֵייטְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן מֶער, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן צָאלְן נִישְׁט דִי שְׂכַר לִימוּד אָדֶער דִינְגֶען זִיךְ מִיט דִי פְּרַייז וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶועלְן זֵיי אַיינְקוֹיפְן וָואס זֵיי דַארְפְן פַאר זֵייעֶר בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט אוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט אוֹיף זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט בֶּאֱמֶת וִויכְטִיג, אוּן נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׂכַר לִימוּד, וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ, זוּכְט מֶען צוּ שְׁפָּארְן.

אוֹיךְ טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וֶוען אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז אַ מְלַמֵּד וֶוערְט אַ מְלַמֵּד וַוייל עֶר טוֹיג נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, וֶוען דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מְלַמֵּד אִיז סַאךְ אַ שְׁוֶוערֶערֶע אוּן אַסַאךְ מֶער קָאמְפְּלִיצִירְטֶע אַרְבֶּעט פוּן רוֹב אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן צוּ זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד פָאדֶערְט אַסַאךְ כֹּחַ, מֹחַ אוּן גֶעדוּלְד, אוּן צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵייעֶן אֲפִילוּ נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן וָואס דֶער מְלַמֵּד טוּט פַאר זֵייעֶר קִינְד, אוּן פַאר דִי קְלֶענְסְטֶע זַאךְ וָואס זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען הָאט נִישְׁט גוּט גֶעטוּן וֶועט מֶען רוּפְן אָנְשְׁרַייעֶן אוּן פָּארְהַאלְטְן, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זֵיי מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס אִיז פָּארְגֶעגַאנְגֶען פּוּנְקְטְלִיךְ.

אִיךְ קֶען נוּצְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, וִוי גְרוֹיס זַיינֶע זְכוּתִים זֶענֶען; אַלֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן - גֵייט אוֹיפְ׳ן זְכוּת פוּנֶעם מְלַמֵּד.

לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מְזַלְזֵל אִין מְלַמְּדִים, מֶען שֶׁעצְט נִישְׁט זֵייעֶר אַרְבֶּעט; דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי, בִּפְרַט וֶוען מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט אַ קִינְד אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ בַּאקוּמֶען אַיינֶערְקֶענוּנְג פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט - הָאט מֶען גָאר טַעֲנוֹת וְכוּ׳; דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דִי כֹּחַ פוּנֶעם מְלַמֵּד.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר זֵייעֶר גוּט; מִיט דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן. גֶעדֶענְק, מֶען אַרְבֶּעט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן פְּלָאג, עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶער שְׂכַר פַאר מְלַמְּדִים.

וועֶר נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן ווען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף מְלַמְּדִים, לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס טָארְן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד. מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט: "עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ"ל זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אוּן מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי שְׁחִיטָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין וועלְכֶע פַּרְנָסָה עֶר זָאל נֶעמֶען. רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טְרַאכְט צוּ טוּן, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעקַלְקֶלֶערְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאל עֶר ווערְן אַ מְלַמֵּד. הָאט אִים רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט שֶׁחְטְ'ן אָקְסְן, צִיגְן אוּן הִינֶער, ווֶעסְטוּ יֶעצְט גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!'" עֶר הָאט אִים גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

מוֹהַרָא"ש זָאגְט: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע פַּרְנָסָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ וויל זִיךְ אַרַיינְלָאזְן, דַארְף עֶר זִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי פַאךְ אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם. עֶס זֶענֶען דָא פַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער לֶערְנֶען, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶער אוּן נֶעמֶען לֶענְגֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל ווען אֵיינֶער וִויל ווערְן אַ דָאקְטֶער, דַארְף עֶר גֵיין לֶערְנֶען אוּן שְׁטוּדִירְן פַאר לַאנְגֶע יָארְן בִּיז ווען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְלֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט דֶעם פַאךְ. אֲפִילוּ קְלֶענֶערֶע פַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען קוֹדֶם, אֵיינֶער וִויל אַרְבֶּעטְן מִיט עֶלֶעקְטְרִיק דַארְף עֶר זִיךְ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען קוֹדֶם, אוֹיב נִישְׁט ווֶעט עֶר זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְן חַס וְשָׁלוֹם; אֵיינֶער וִויל זַיין אַ פֶּעינְטֶער, אַ סְטָאלֶער, אָדֶער סַיי וָואס, דַארְף עֶר קוֹדֶם וִויסְן אוֹיב עֶר טוֹיג דֶערְצוּ, עֶר דַארְף קֶענֶען דֶעם פַאךְ, עֶר דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם פַאךְ. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער ווֶעט נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אַ פַאכְמַאן צוּ טוּן פַאר אִים אַן אַרְבֶּעט אוֹיב יֶענֶער הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין פַאךְ וָואס אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דָאס אִיז ווען אֵיינֶער וויל ווערְן אַ מְלַמֵּד. עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז ווער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל אוּן טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט - דֶער ווערְט אַ מְלַמֵּד. דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דֶעם פַאךְ קוּקְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף

דֶעם מֶענְטְשׁ אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף אַלְס מְלַמֵּד צוּ זֶען אוֹיב עֶר טוֹיג טַאקֶע צוּ דֶעם פַאךְ אָדֶער נִישְׁט? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה און עֶר אִיז מַחְלִיט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ דָאקְטֶער... דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ רְצִיחָה, עֶר וֶועט הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְס און לִינְקְס רַחֲמָנָא לִיצְלָן".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי גוּטֶע מְלַמְּדִים; אַן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. "חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג') : 'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן' - דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִּיל און אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל. וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. און דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקְנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז [טֶעלֶעסְקָאוּפּ]. עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִּילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, און עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען. זָאגְן חֲזַ"ל אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן און אָפְּשַׁאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין און לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה".

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֵיין נִישְׁט אַז דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - הָאט מֶער גֶעלְט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער וֵויינְט; דֶער חִילּוּק אִיז נָאר, מִיט וָואס מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ? "אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים; אָנוּ עֲמֵלִים וּמְקַבְּלִים שָׂכָר", מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס קִינְדֶער; מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "וְהֵם עֲמֵלִים וְאֵינָם מְקַבְּלִים שָׂכָר", און אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ און עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## מֶעג אַ חֲסִידִי'שֶׁער בָּחוּר הָאבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶ עֶם. פִּי. טְרִי.?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַז אֲפִילוּ אַן עֶם. פִּי. טְרִי. (MP3) קֶען זַיין אַ פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ וויל וִויסְן אוֹיבּ אַ חֲסִידִי'שֶׁער בָּחוּר מֶעג הָאבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶ עֶם. פִּי. טְרִי. (MP3)?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין דִי הֶענְט; עֶס זֶענֶען דָא מַאשִׁינֶען וָואס זֶעעֶן אוֹיס צוּ זַיין גוּט אָבֶּער מֶען קֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ פוּן דֶעם, מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט אוּן צוּקוּמֶען צוּ זֶען עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.**

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אַ כְּלִי צוּ הֶערְן נִיגוּנִים, אָבֶּער מֶען דַארְף דָאס גוּט בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ דָאס אִיז כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן דֶעם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ שָׁאד דִי טֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט קוּקְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט נִישְׁט בֶּעסֶערְס וָואס צוּ טוּן וִוי קוּקְן סְטֶעטוּ״ס ? דַיינֶע אוֹיגְן טוּעֶן נָאכְנִישְׁט וֵויי פוּן קוּקְן אַזוֹי לַאנְג אִינֶעם טֶעלֶעפָאן ? וֶוערְסְט נִישְׁט דִיזִי ? !

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הַאנְט אַנְשְׁטָאט דֶעם טֶעלֶעפָאן. דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד דִי צַייט וָואס מֶען וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֶעלֶעפָאן פוּן דִי הַאנְט, דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן כַאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי טֶעלֶעפָאן, מֶען בְּלַייבְּט לִיגְן אָן קַיין טֶעלֶעפָאן, מֶען וֶועט אַרַיינְלֵייגְן אַ צְוַוייגֶעלֶע אִין הַאנְט, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אַפִּיר נֶעמֶען דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים ; וִוי גוּט וֶועט דֶעמָאלְט זַיין פַאר דֶעם וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן.

אַ שָׁאד דִי יָארְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אַ שָׁאד דִי טֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן וָואס גֵייט אַוֶועק מִיט קוּקְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים ; עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי וַוארֶעמְקֵייט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אָפְּרַייסְן פוּן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן.

...

**עֶס זֶעט אוֹיס עֶק וֶועלְט, אָבֶער עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס טוֹבוֹת**
**דֶערְפוּן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּשְׁעַת מֶען אִיז אִין אַ קְלֶעם מֵיינְט מֶען אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז פוּן דִי צָרָה וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טוֹבָה, מֶען דַארְף אָבֶער גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז נָאר אַ טוֹבָה. שְׁפֶּעטֶער, וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וָואס פַּאר אַ נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דַוְקָא דוּרְךְ דִי זַאךְ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען שְׁלֶעכְט.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק שְׁרַייבְּסְטוּ אַז מֶען הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אוּן דוּ מַאכְסְט נָאךְ בָּחוּרִים בְּרֶסְלֶב, יֶעצְט זֶעסְטוּ דִי טוֹבָה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, מֶען הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וְכוּ'; יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אַ יְשִׁיבָה, אַ ווִינְקְל וָואס מֶען לָאזְט אָטֶעמֶען, קֶענְסְט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן בְּגִירְסָא (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), קֶענְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶענְסְטוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס יֶעדֶע יָאר, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא.

שְׁטַארְק זִיךְ בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ. זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מְקַרֵב זַיין צוּ אִים.

גֶעבּ אַ גְרוּס דַיין בְּרוּדֶער ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי מִיט דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער וֶועגְן דֶעם; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר אָנְטוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט דִי קְלֵיידֶער וִוי אֵיידֶער עֶס זָאל וֶוערְן אַ קְרִיגֶערֵיי.

מַחֲלֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת; דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ שָׁלוֹם, "ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם" (תְּהִלִּים כט, יא).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְחַיֶ׳ צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קַאר - גֵיי צוּפִיס יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּם מִקְוֶה אוּן שׁוּל, אוֹיפְ׳ן וֶועג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ דֶער גַאנְצֶער טָאג וֶוען מֶען גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן - וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי וֶועג, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ קַאר - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי שְׁפַּאצִיר, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁפַּאצִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע וַוייבּ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פָּאלְג דַיין וַוייבּ; אַז זִי ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ לֶערְנֶען קָאמְפְּיוּטֶער אוּן טֶעכְנָאלָאגְיֶע - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַן עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע וַוייבּ, דָאס אִיז אַ נֵס פוּן הִימְל; יֶעדֶע שִׁידוּךְ אִיז אַ נֵס מִן הַשָּׁמַיִם אָבֶּער דַיין שִׁידוּךְ אִיז אַ נֵס שֶׁלֹּא עַל פִּי טֶבַע.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ; זָאג אִיר אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ זֵייעֶר אַז זִי הִיט דִיר, זִי ווִיל אַ וואוּילֶע שְׁטוּבּ, זִי ווִיל אַ שְׁטוּבּ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גַאס.

אִיךְ לֵיין אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו, שְׁרַייבּ מִיר לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מַמְשִׁיךְ אִין הֲפָצָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אָבֶּער קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ לֶערְנְסְט אוּן דַאוֶוענְסְט זֵייעֶר שֵׁיין, דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז אוֹיסְנַאם, דוּ מַאכְסְט נָאר נַחַת פַּאר אַלֶעמֶען.

זַיי מַמְשִׁיךְ אִין הֲפָצָה, גֵיי וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן אַ שְׁטוּרֶעם פַארְפְּלֵייצְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת, קַארְטְלֶעךְ, סִידִיס וְכַדוֹמֶה לָזֶה; דָאס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר אָבֶּער בֶּעטְן, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַז אֵיינֶער אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים, אֵיינֶער צֶערַייסְט דִי סְפָרִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם"; דָאס וֶועט סֵיי ווִי מְקוּיָם וֶוערְן, דוּ קְרִיג זִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ נִשְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן דַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי דוּ הָאסְט דֶעם אוֹיסְגֶעבּוֹיגְן דֶעם הַאנְט אוּן יֶענֶעם צֶעבְּלוּטִיגְט, אֲפִילוּ דוּ זָאלְסְט זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט; דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער ווֶעג, אוּנְזֶער ווֶעג אִיז יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר דִי כָּבוֹד פוּן צַדִיקִים; עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן ווָאס הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער עוֹנֶשׁ פוּן פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד, פַארְשֶׁעמֶען אַ מֵפִיץ. אִיךְ ווֵייס אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט צֶערִיסְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בִּפְנֵי קָהָל וְעֵדָה סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶער בִּזָיוֹן אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ בְּטָעוּת אָפְּגֶעזוֹיגְן מִיט אַן עֶלֶעקְטֶערִישֶׁער זֶעג זַיינֶע פִינְגֶערְס הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אַזוֹי זֶענֶען דָא כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת פוּן שְׁווֶערֶע עוֹנְשִׁים לֹא עָלֵינוּ.

דוּ גֵיי ווַייטֶער הֶפָצָה, זַיי מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גֵיי מִיט אַ שְׁטָאלְץ מִיטְ'ן גַאנְצְן שְׁטוּרֶעם, אָבֶּער אַז דוּ טְרֶעפְסְט אַ שִׁיכּוֹר, אַ מְנִיוָל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן צוּ מְנַצֵחַ זַיין, נָאר מְקַיֵים זַיין ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת פַּחַד, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", ווֶער עֶס אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ צָרָה אִיז קְלוּג.

אִיךְ הָאף דוּ ווֶעסְט מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט, אוּן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִיר פַארְשֶׁעמְט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פַארְשִׁיקְן זַיינֶע מִתְנַגְדִים קַיין סִיבִּיר, דָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט, אִיךְ ווִיל עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן דִי גֶע'רוֹדְפְ'טֶע ווִי אֵיידֶער זַיין פוּן דִי ווָאס רוֹדְפְ'ן יֶענֶעם".

בִּשְׁעַת דוּ גֵייסְט הֶפָצָה זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְג, בְּרוּם, מוּרְמְל אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט ווֶערְטֶער - ווֶעסְטוּ נִישְׁט ווֶערְן גֶערֶעגְט אוֹיב מֶען נֶעמְט נִישְׁט.

...

### די שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הַאנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זָארְג נִישְׁט וֶועגְן קִינְדֶער, בַּארוּאִיג דַיין וַוייבּ; זָאג אִיר זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט. דָאס אִיז זֵייעֶר זַאךְ, זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאגְן עֲתִידוֹת, זֵיי מֵיינֶען זֵיי וֵוייסְן, זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט; קִינְדֶער הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא [...] מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הַאנְט.

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז ווִילִיג אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט צוּ אַ סְעוּדָה, אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים - זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ עֶסְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכֶּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", דִי מִצְוָה אִיז מְסוּגָל פַּאר קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְתַלְמִידָיו, דָאס אִיז מְסוּגָל פַּאר קִינְדֶער.

...

### הֶער שׂוֹין אוֹיף צוּ זַיין אַזוֹי קַארְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וָואס גֵייט דִיר אָן אַז דַיין וַוייבּ הָאט גֶעקוֹיפְט אַ קְלֵייד פַּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער? פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אִיר אַלְץ פְּרֶעגְן: "נִישְׁטָא בִּילִיגֶער?" פַארְוָואס פַארְגִינְסְטוּ אִיר נִישְׁט? ווִאלְסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵייד וָואס זִי הָאט לִיבּ.

הֶער שׂוֹין אוֹיף צוּ זַיין קַארְג, אַז דוּ ווִילְסְט זַיין קַארְג קֶענְסְטוּ דָאס טוּן פַאר דִיר אַלֵיינְס; קוּמֶענְדִיגֶע מָאל דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קַאר, וֶוען

דֶער דִילֶער וֶועט דִיר פָארְשְׁלָאגְן נָאךְ אַ פִּיטְשֶׁעוְוקֶע פַאר נָאךְ אַפָּאר דָאלֶער יֶעדְן חוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ זִיךְ זָאגְן 'נִישְׁטָא בִּילִיגֶער?' 'פֶעלְט דָאס אוֹיס?'

דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דָאס בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס. פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ זֶען וִוי עֶס וֶועט דִיר נִתְרַחֵב וֶוערְן דִי פַּרְנָסָה; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, זִי וֶועט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר – וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי שֶׁפַע פוּן פַּרְנָסָה.

...

**יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן, יֶעדְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דַיין מְלַמֵּד נֵרוֹ יָאִיר אוֹיף דִיר, עֶר זָאגְט אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט מְקָרֵב אַלֶע קִינְדֶער, דוּ לֶעבְּסְט בְּשָׁלוֹם מִיט זֵיי אַלֶע.

אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דַיין קִינְד וֵויינְט אִינְדֶערְהֵיים אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אִין חֶדֶר; אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז נִישְׁט דוּ, אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ יֶענֶער קִינְד, אֶפְשָׁר אִיז עֶס נָאר אַן אַיינְרֶעדֶענִישׁ.

עַל כָּל פָּנִים, דִיר בֶּעט אִיךְ דוּ זָאלְסְט יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן, יֶעדְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דוּ בִּיסְט אַ טַייעֶר קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד. דִי אוֹת צַדִיק אִיז אַזוֹי וִוי אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס טְרָאגְט אַ יוּד אוֹיף דִי פְּלֵייצֶע 'צ'.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אַמָאל פְּלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אֵיין מָאל אַ וָואךְ; אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיינֶע בְּרִיוו.

...

### הֵייבּ אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר קֶען שׁוֹין לֵיינֶען, עֶר זָאגְט שׁוֹין תְּהִלִים. דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לִימוּד נִישְׁט צוּ אוֹיפְגֶעבְּן; אַז מֶען גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ מִיט סַבְלָנוּת - קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר וַוייט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער וֵויי טוּן. מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז קִינְדֶער זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, מֶען מֵיינְט אַז מֶען קֶען טְשֶׁעפֶּען, שְׁטֶעכְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז קִינְדֶער הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן וִוי דֶערְוַואקְסֶענֶע אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט זֵיי וֵויי, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, מֶען מַאכְט זֵיי אַוֶועק - הַרְג׳עֶט עֶס זֵיי, עֶס לָאזְט זֵיי נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן, זֵיי בְּלַייבְּן דֶערְשְׁלָאגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אַלֶע נֶערְוֶועץ צַאמְבְּרָאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט וֵויי גֶעטוּן קִינְדֶער, זֵיי דֶערְנִידֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט.

הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט דֶעם קִינְד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ׳ן לֵיינֶען, גֶעבּ אִים אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

...

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים רַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זָאלְט אִיר אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אוֹיף סְעוּדוֹת שַׁבָּת, עֶס זֶענֶען דָא יוּנְגֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל וָואס הָאבְּן נִישְׁט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן

דָארְט, זֵיי זוּכְן וואוּ צוּ עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת; אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַרַיין צוּ נֶעמֶען גֶעסְט.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי מֶענֶער זִיצְן אוֹיבְן אָן נֶעבְּן דִיר אוּן דִי וַוייבֶּער פוּן אוּנְטְן בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען מֶען זָאל רֶעדְן פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן הַפָּצָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וְכַדוֹמֶה.

הַכְנָסַת אוֹרְחִים רַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, חֵלֶק א׳, סִימָן ב) : "עִיר שֶׁאֵין בָּהּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים", אַ שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הַכְנָסַת אוֹרְחִים, "בָּאִים לִידֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת", בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֲבֵירוֹת, "וְעַל יְדֵי גִּלּוּי עֲרָיוֹת בָּא עֲלֵיהֶם הֲרִיגָה", הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט הַכְנָסַת אוֹרְחִים - וֶוערְן בַּעֲלֵי חֶסֶד. בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען גֶעסְט, מֶען פְלֶעגְט אַיינְקוֹיפְן סְפֶּעצְיֶעלֶע נַאשׁ אוּן טְרִינְקֶען וֶוען מִיר הָאבְן גֶעהַאט גֶעסְט; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

...

## מֶען טוּט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר'ן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל; וֶוען מֶען דַארְף הִילְף קוּמְסְטוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן. סַיי בַּיי דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, סַיי בַּיי דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אוּן יֶעצְט בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי - אַלְץ קוּמְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט אַזַא גֶעפִיל. עֶר זָאגְט מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גֶעטְרֵיי דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען, אַלֶע בַּאזוּנְדֶער, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס - יֶעדֶער הֶעלְפְט, יֶעדֶער טוּט חֶסֶד" - דָאס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ פְּרוּבִּיר אוֹיךְ צוּ טוּן אַ גַאנְצְן טָאג פַאר'ן רֶבִּי'ן, אַ גַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ אִין יְשִׁיבָה. מָאנְטָאג נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען

זִינְגֶען, מִיר עֶנְדִיגְן יֶעצְט נָאךְ אַ סִידֶּר, נֶעכְטְן נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה, זֵיי הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַ חֵלֶק הִלְכוֹת שַׁבָּת.

שַׁבָּת חֲנוּכָּה הָאף אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ קוּמֶען מִיט דִי יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ מַאךְ אַ שְׁטִיקֶל פְּרָאגְרַאם מִיט אַלֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט פַּאר דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל זַיין מִיט זֵיי פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג בִּיז זוּנְטָאג נַאכְט אִין שְׁטֶעטְל.

...

## מִיטְ'ן קוֹל קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן פְּלָאנְטֶער אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דוּ טוּסְט, וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַשְׁמָטוֹת, רסו ע"ב; עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים) אַז "סוּלָם" בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי "קוֹל"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, "מֻצָּב אַרְצָה"; אוֹיב נוּצְט עֶר זַיין קוֹל, עֶר הָאט דֶעם סֻלָּם, דֶעם לֵייטֶער, "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן הִימְל; אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען מֶען נָאכְאַלְץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּלָאנְטֶער אוּן אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּ בַּאקוּמֶען דִי לֵייטֶער קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוֹיל".

שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

### דֶערְצֵייל אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוּילֶער בָּחוּר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זַיי שְׁטַארְק. דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּ אִים אַלֶעס, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט; דֶערְצֵייל אִים אִין דַיין שְׂפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט דִיר, אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ', - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

### אִיךְ וִויל אוֹיסְטֵיילְן נָאךְ סִפְרֵי תְּהִלִּים פַאר דִי תַּלְמִידוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

טוּ מִיר אַ טוֹבָה, בַּאשְׁטֶעל מִיר נָאךְ הוּנְדֶערְט תְּהִלִּים'ס פוּן דִי גְרוֹיסֶע תְּהִלִּים. אוֹיפְ'ן דֶעקְל לֵייג אַרוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קְרוֹין אוּן פוּן אוּנְטְן קְרִיץ אַרַיין דִי וֶוערְטֶער: "אַ מַתָּנָה פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה".

דִי הוּנְדֶערְט תְּהִלִּים'ס וָואס דוּ הָאסְט בַּאשְׁטֶעלְט - אִיז מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נָאךְ; עֶס קוּמֶען אַרַיין כְּסֵדֶר פְרִישֶׁע תַּלְמִידוֹת, אַלֶע וִוילְן דִי שֵׁיינֶע תְּהִלִּים.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל גֶעבְּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת; דָאס וֶועל אִיךְ שׁוֹין רֶעדְן מִיט דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, חֶסֶד חִנָּם, וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז יֶעצְט - וֶועט קוּמֶען צוּ גֵיין נָאךְ גְרֶעסֶערֶע חֲסָדִים.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; דָאס אִיז יֶעצְט אִין דַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר, שָׁנָה רִאשׁוֹנָה - דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען.

...

### אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶס קָאסְט נָאר אַ לַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה. זוּנְטָאג וַיִּשְׁלַח וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֶעס אַלֵיינְס טוּן, אִיךְ דַארְף הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, נָאר אַז נָאךְ אַפָּאר חֲבֵרִים הֶעלְפְן - קֶען אִיךְ אוֹיסְפִירְן דִי רָצוֹן פוּן מוֹהֲרַ״שׁ, מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן שְׂמָחוֹת בְּחִנָּם.

עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי דְרַייסִיג חֲתוּנוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפָּארְט פַאר זֶעכְצִיג מְחוּתָּנִים הוֹצָאוֹת הַחֲתוּנָה; עֶס אִיז גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם, עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, דִי מְחוּתָּנִים קוּמֶען אוּן גֵייעֶן אַהֵיים פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיךְ פָארִיגֶע וָואךְ וָואס עֶס קָאסְט אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה? זָאג אִיךְ אִים, עֶס אִיז גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם, עֶס קָאסְט נִישְׁט; עֶס קָאסְט נָאר אֵיין זַאךְ, עֶס קָאסְט אַ לַאךְ; עֶס מַאכְט לַאכְן צוּ זֶען ווִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען לֶעבְּן, מֶען לָאזְט לֶעבְן, מֶען דארְף נִישְׁט דַאֲגָה׳נֶען אַ גַאנְץ לֶעבְן ווִי אַזוֹי מֶען וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן, מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט, מֶען קֶען דֶערְלֶעבְן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי שְׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה,

נֶעם דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, אַלֶע זָאלְן הֶעלְפְן; וֶוען מֶען הֶעלְפְט - הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס, אַלֶע וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת בְּחִנָּם.

...

## קַיין אֵיין גוּטֶע ווילְן גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיין אִימֶעיל, עֶס הָאט זִיךְ פַארְמֶעקְט זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו. אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו, זַיי אַזוֹי גוּט און שִׁיק אִיבֶּער דִי בְּרִיוו אוֹיף וָואס דוּ וַוארְטְסְט אַ תְּשׁוּבָה; אִיךְ וֶועל דִיר בְּלִי נֶדֶר עֶנְטְפֶערְן.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר אַז צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אִיךְ וִויל זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְמֶעקְט זִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט, קַיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן, (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קַיין אֵיין גוּטֶע ווילְן גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

## "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מִיט דַיין וַוייבּ - אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער וֶועט דִיר זַיין אָן אַ וַוייבּ; טְרַייבּ אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אִיז אָן אַ וַוייבּ.

רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנז גֶעלֶערְנְט וויאַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן וֶוען עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים". וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן זַיינֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים!"

וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ – פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פַאר דִיר אַלֵיינְס: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים"; וַוייל עֶס אִיז טַאקֶע מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים, לוֹיט וָואס קוּמְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסה): "תְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה כָּל הָרָעוֹת וְהַיִּסּוּרִין הַבָּאִים עָלֶיךָ", מֶען דַארְף אָנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן יְסוּרִים, "כִּי רָאוּי שֶׁתֵּדַע, שֶׁלְּפִי מַעֲשֶׂיךָ אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים וְהָרָעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְךָ, עֲדַיִן הוּא מִתְנַהֵג עִמְּךָ בְּרַחֲמִים, כִּי הָיָה מַגִּיעַ לְךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, חַס וְשָׁלוֹם, לְפִי מַעֲשֶׂיךָ", וַוייל לוֹיט דַיינֶע מַעֲשִׂים פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער צוּ דִיר מִיט גְרוֹיס רַחְמָנוּת, עֶס וָואלְט דִיר גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶער שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יח): "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ", זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס, "כָּמוֹךָ"; וַוייל ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט, "אֲנִי ה'", פִיר אִיךְ זִיךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַאר אַ שִׁידוּךְ אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ טוּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע, וֶוען מֶען גֵייט צוּ עֶלְטֶערְן וְכוּ'; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואוּ דֶער קָאפּ אִיז, אוֹיבּ דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וְכוּ' – אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע – דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גוּט סֵיי וואוּ מֶען אִיז.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען מֶעג אַלֶעס.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דֶער בָּחוּר זָאל גֶעבְּן זַיין שְׁרִיפְט, דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער מִיטְ׳ן שִׁידוּךְ נָאר אוֹיבּ דֶער בָּחוּר וַוייזְט זַיין שְׁרִיפְט; פַּאר אַ שִׁידוּךְ אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ טוּן, וָואס קֶען מֶען טוּן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי פַארְדְרֵיידְט מִיט דְמְיוֹנוֹת.

זָאג דַיין חַבֵר עֶר זָאל זַיין גְרֵייט, מֶען וֶועט אִים זָאגְן מֶען זֶעט פוּן זַיין שְׁרִיפְט אַז עֶר אִיז אַ כַּעֲסָן אוּן נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת – זָאל עֶר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִשְׁנַיוֹת מַאכְט דֶעם מֶענְטְש לוֹיטֶער אוּן רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה, תּוֹרָה רֵייניגְט דֶעם מֶענְטְש; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, בִּפְרַט מִשְׁנַיוֹת – וֶוערְט מֶען לוֹיטֶער אוּן רֵיין. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט, מֶען וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, מֶען וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְש; דֶער וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן זָאגְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת – דֶער קוּמְט אָן זֵייעֶר הוֹיךְ.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל וְכוּ׳; דוּ קֶענְסְט אַיינְקוֹיפְן דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אֱמֶת אַז מַאן אוּן ווייבּ דַארְפְן זַיין אָפְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן אִיר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז אִיר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ, פַארְוָואס עֶר זָאגְט פַאר זַיין מַאמֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן. יֶעצְט אַז עֶר הָאט אַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר טוּט, עֶר אִיז נָאךְ צוּגֶעוואוֹינְט פוּן אַלְס קִינְד מִיט אַזַא טֶערָאר צוּ דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע אָטֶעם פוּן לֶעבְּן - דַארְפְט אִיר גֵיין וַוייטֶער, אִיר דַארְפְט אִים מוֹחֵל זַיין אוּן אִים מֶער נִישְׁט פָארְהַאלְטְן.

אִיר מֶעגְט אִים מִיטְטֵיילְן אַייעֶרֶע גֶעפִילְן אַז אִיר זֶענְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זַיין מַאמֶע, זִי קוּקְט יֶעצְט אוֹיף אַייךְ וְכוּ'; אָבֶּער הַאלְטְס אִים מֶער נִישְׁט פָאר, עֶר אִיז נִישְׁט שוּלְדִיג, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע טֶערָאר, עֶר וֶוערְט יֶעצְט צוּבִּיסְלִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִיס.

פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; לָאזְט נִישְׁט דֶעם שָׂטָן אַרַיינְקוּמֶען בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, נֶעמְט אִים נִישְׁט אַרַיין בַּיי אַייךְ אִין הַארְץ, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לא): אַ פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶטְ'ן, הֱיוֹת עֶס אִיז שוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה, וֶוען דֶער מַאן אִיז שוֹין גֶעוֶוען גוּט בִּגְלוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וויין, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין ווייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֱיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ גֶטְ'ן, ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַאר דִיר

און אַזוֹי װעלן מיר זיך צעשיידן", האט זי אים געבעטן ער זאל איר געבן אביסל צייט צו טראכטן.

דער מאן האט װייטער געטרונקען װיין, ביז ער איז אראפגעפאלן אויף דער ערד טויט שיכּור און איז איינגעשלאפן. האט די פרוי געבעטן די משרתים זיי זאלן אים אריינלייגן אין בעט און אים ברענגען צו איר עלטערן אין שטוב, צו מארגנס ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און זיך ארומגעקוקט וואו ער איז – האט ער נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, האט זי אים געגעבן צו פארשטיין און אים געזאגט די ווערטער: "בשעת מיר האבן געמאכט די סעודה האסטו מיר געזאגט אז איך קען זיך אויסוועלן א גוטע חפץ פון דיין פארמעגן; איך האב נישט קיין בעסערע זאך אויף די וועלט ווי דיר, דו ביסט מיין בעסטע זאך!" זענען זיי געגאנגען צו רבי שמעון בר יוחאי און אים דערציילט די גאנצע מעשה, האט רבי שמעון בר יוחאי זיי געזאגט: "אויב זי האט דיר אזוי ליב און זי וויל זיך נישט צעטיילן פון דיר, זאג איך אייך צו אז איבער א יאר וועט איר האבן א קינד", און אזוי איז טאקע געווען, זיי האבן זוכה געווען צו קינדער, אלעס נאר צוליב דאס ליבשאפט און שלום וואס איז געווען צווישן זיי.

אז איר וועט לייגן א געוויכט אויף שלום בית, איר וועט נעמען אייער מאן פאר די בעסטע זאך פון לעבן – וועט איר האבן קינדער דורות ישרים.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

**נישט אפלאזן די שיינע זאכן וואס מען זעט ביי עלטערן**

בעזרת ה' יתברך – יום ד' פרשת ויצא, ו' כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מזל טוב פאר דיין נייע געבוירענע אינגל! דער אייבערשטער זאל העלפן די ברית זאל זיין אין צייט, דער קינד זאל אויפוואקסן א גרויסער צדיק; זאלסט האבן נחת פון אלע דיינע קינדער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן בַּיי אַ בְּרִית, אוֹיבּ מֶען דַארְף גֶעבְּן פְלֵייש אוּן פִישׁ אָדֶער מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין מִיט חַלָּה, מִיט סַאלַאטְן? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ זֶעסְט בִּילְדֶער פוּן בְּרִית'ן אִין יְשִׁיבָה וָואס מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין פְלֵייש; דוּ טוּ אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין דִי מִשְׁפָּחָה, מַאךְ נִישְׁט קַיין נַייעֶ זַאכְן; וָואס דַארְפְסְטוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען טוּט בַּיי עֶנְק? אַז מֶען אִיז מַקְפִּיד בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ הָאבְּן פְלֵייש - זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען פְלֵייש.

מֶען דַארְף וויסְן וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען זֶעט בַּיי עֶלְטֶערְן; נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן, נָאר עוֹסֵק זַיין בְּהִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד אוּן גֵיין הֲפָּצָה; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ גֶעבְּן פְלֵייש בַּיי אַ בְּרִית; דָאס אִיז וֶוען קֵיינֶער דַארְף דָאס נִישְׁט, אָבֶּער אַז טַאטֶע מַאמֶע אָדֶער שְׁוֶוער אוּן זֵיידֶע זֶענֶען מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם - אִיז דָאךְ קַיין שְׁאֵלָה נִישְׁט אַז מֶען זָאל גֶעבְּן פְלֵייש. אִיךְ הָאבּ בַּיי אַלֶע מַיינֶע בְּרִית'ן גֶעגֶעבְּן קוּגְל מִיט פְלֵייש, אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה; וַוייל אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ רַחְמָנוּת אוּן גֵיי הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי הֲפָּצָה, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, בְּעִיקָר יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ.

יֶעצְט אִיז דִי וֶועלְט אַזוֹי צֶעמִישְׁט, מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶער, אַלֶע גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן. עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט דִי נֶעגֶעטִיוֶוע נַייעֶס, מֶען שְׁרֶעקְט אָן אַז וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען דִי וַואקְסִין גֵייט שְׁטַארְבְּן, עֶס וֶועלְן נָאר אִיבֶּערְבְּלַייבְּן צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דִי וַואקְסִין. בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן מִיר, זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ גַאנְצֶע שָׁעוֹת מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי דֶער קָאפּ פַּאלְט זֵיי אַרָאפּ; נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זֵיי הֶעלְפְן.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין הֲפָצָה, אַלֶע נֶעמֶען שֵׁיין דִי סְפָרִים; מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע זֶענֶען דָא וָואס עַקְשְׁנ'עֶן זִיךְ. נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, אַז אֵיינֶער הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן מִיט הוֹיכֶע קוֹלוֹת עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קוּמֶען הֲפָצָה, עֶס הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט פֵייעֶר פוּן הַאס פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אִינְמִיטְן שְׁרֵייעֶן זָאגְט עֶר: "אִיךְ בְּלַייבּ אֵיינֶער אַלֵיינְס, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְט בְּרֶסְלֶב, צוּ וֶועם אִיךְ רֶעד - יֶעדֶער אִיז שׁוֹין בְּרֶסְלֶב!" עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר זָאגְט, עֶר הָאט אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען דֶעם בָּחוּר, דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין מֶער הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו בַּאקוּמְט מֶען עֶנְטְפֶערְס אוֹיף יֶעדֶע פְּרַאגֶע אוּן סָפֵק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ נֶעם אָן דִי מוּסָר; עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר אַסַאךְ מֶער.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיף דַיין טַעֲנָה פַארְוָואס אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר נִישְׁט וֶועגְן דִי שִׁידוּךְ; דָאס

נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן - דָאס אִיז דִי תְּשׁוּבָה, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ דִיר יָא גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן צוּ דִיר אוּן דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, פוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו בַּאקוּמְט מֶען עֶנְטְפֶערְס אוֹיף יֶעדֶע פְרַאגֶע אוּן יֶעדֶע סָפֵק.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ ווִילְסְט פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן מַיין ווַייבּ. אֶפְשָׁר אִיז דָא אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען מֶער פְּרִיוַואטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֲפִילוּ אֵיינֶער זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּמֶען רֶעדְן פְּרִיוַואט, אוֹיבּ עֶפְּנְט עֶר זַיינֶע אוֹיעֶרְן ווִי אַ טְרַאכְטֶער אוּן הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים, עֶר עֶפְּנְט דִי אוֹיגְן אוּן לֶערְנְט דִי בְּרִיוו - אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט זֶען אוּן הָאבְּן אַ תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף.

מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן צַייט פַאר דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ...

אָדֶער קֶענְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן בַּיי מַיין נָאמֶען אָדֶער קֶענְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה; מֶער פוּן דֶעם שְׁרַייבּ מִיר נִישְׁט. דִי אַלֶע טִיטְלֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר לְכָבוֹד דֶער צַדִיק, לְכָבוֹד מָשִׁיחַ, לְכָבוֹד אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס - זָאלְסְטוּ מִיךְ נִישְׁט רוּפְן אוּן מִיךְ נִישְׁט שְׁרַייבְּן. קֶענְסְט הַאלְטְן בַּיי דִיר אִין קָאפּ וָואס דוּ ווִילְסְט אוֹיף מִיר, קֶענְסְט טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר בִּיזְן הֶעכְסְטְן הִימְל, אָבֶּער מַאךְ מִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע אוּן מַאךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע אַ צְווֵייטְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט דָא בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה נֵייעָ צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן וָואס מֶען הֶערְט אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן. מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי אוּן מִיר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, רֶבִּי נָתָן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מוֹהֲרָא"ש; מֶערְסְטְנְס קֶענְסְטוּ מִיךְ רוּפְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס גֶעבְּט אִיבֶּער דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

מֶען דַארְף טַאקֶע הָאבְּן תְּמִימוּת, מֶען דַארְף זַיין בִּתְמִימוּת; דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אִיז תְּמִימוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז זַיין תְּמִימוּת'דִיג אוּן דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "גַּם בִּתְמִימוּת אָסוּר לִהְיוֹת שׁוֹטֶה", וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת אִיז אָסוּר צוּ זַיין אַ שׁוֹטֶה; מֶען דַארְף פְרֶעגְן אַלֶע סְפֵיקוֹת פוּן אַ רָב אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָבֶּער סְתָּם פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, פְרֶעגְן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט קַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ צוּ טוּן - דָאס אִיז טִפְּשׁוּת, דָאס אִיז נִישְׁט תְּמִימוּת; אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט צוּ צַייט פוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, רֶעד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ...

קוֹדֶם הָאט זִיךְ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט חֲלוֹמוֹת, יֶעצְט הַאלְט עֶס בַּיי מָשִׁיחַ אוּן בַּאלְד וֶועסְטוּ מַאכְן אַן אָפְּגָאט; אִיךְ בֶּעט דִיר מִיט שֵׁיינֶעם, אָדֶער הֶערְסְטוּ אוֹיף מִיט דִי צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן אָדֶער וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן דָא! מַאךְ נִישְׁט דִי פְּלַאץ וָואס אִיךְ בוֹי מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס אַ צֶעדְרֵייטֶע פְּלַאץ; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת - רֶעד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן אַז אִיךְ הָאב רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ - רֶעד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס דוּ טְרַאכְטְּסְט פַאר דִיר - גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן, וָואס דוּ חָלוֹמְ'סְט - ווִיל

אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט וִויסְן, אָבֶּער וָואס דוּ רֶעדְסְט אוּן מַאכְסְט מְשׁוּגָע אַנְדֶערֶע - דָאס וֶועל אִיךְ נִישְׁט צוּלָאזְן.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען נָאר זַיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער דַיין לֶעבְּן, אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס - אִיז דֶער לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): ״כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ״, אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: ״אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ״, אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס פַארְשְׁטַאנְד, אָבֶּער נִישְׁט מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת, ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען נָאר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֲפִילוּ אִידִישֶׁע ווידיאָס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ בִּיז יֶעצְט דִי שֵׁיינֶע הַקָפוֹת פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה; עֶס אִיז גוּט אַרַיין אִין דִיר דִי הַקָפוֹת, דִי שִׂמְחָה, דִי שֵׁיינֶע נִיגוּנִים אוּן טֶענְץ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּקְן אִידִישֶׁע ווִידִיאוֹס; עֶס אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד).

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְרֶעגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אַז אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר"; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶער זַאךְ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בְּנוֹגֵעַ דֶער שָׁכֵן וָואס אִיר פְלֶעגְט שְׁפִּילְן מִיט אִים וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען יוּנְג אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין עֶלְטֶער אוּן עֶר זוּכְט צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ, עֶר פְרֶעגְט אַייךְ שְׁאֵלוֹת; מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן אִים וֶוען עֶר פְרֶעגְט אַייךְ שְׁאֵלוֹת, גֶעבְּט אַכְטוּנְג, יֶעצְט זֶענְט אִיר שׁוֹין עֶלְטֶער קֶענְט אִיר מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים אָדֶער אִינְגֶעלַייט.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ אִיר זָאלְט גֵיין מִיט אַ הַארְץ קֵייטְל וְכוּ׳; פְרֶעגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, ווִי אַזוֹי זֵיי זָאגְן אַייךְ – אַזוֹי זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵיין שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו פוּן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן וָואס אִיז גֶעשֶׁעֶן מִיט אִיר מַאמֶע, ווִי זִי פִירְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ, שְׁטַארְק אִיר; זִי דַארְף יֶעצְט אַסַאךְ כֹּחַ, אִיר מֹחַ קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן. זָאג אִיר אַז זִי קֶען וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִיר מַאמֶע, וֶוען זִי רוּפְט אִיר זָאל זִי אִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; מֶען קֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס אֵיין שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה קֶען יֶענֶעם כַאפְּן בַּיים הַארְץ אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת זָאלְט אִיר אַרַיינְנֶעמֶען דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער פַאר שַׁבָּתִים, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; וַוייל ווִי בִּיטֶער עֶנְק אִיז – אִיז זֵיי אַסַאךְ מֶער בִּיטֶער. אִיר זֶענְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר הָאט אַייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלֵיינְס, זֵיי אִיז דָאס אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער.

זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע זָאלְן צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דִי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ.

...

### מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי זֶעקְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג) אַז תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִּים וַוייזְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים הָאט מֶען כֹּחַ נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן, מֶען בְּלַייבְּט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זַייט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אַז אִיר הָאט אַסַאךְ נֶעמֶען; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט טַאקֶע מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אַסַאךְ נֶעמֶען, מֶען זָאל גֶעבְּן אָדֶער אֵיין נָאמֶען אָדֶער צְוֵויי נֶעמֶען, וַוייל: "אַסַאךְ נֶעמֶען - מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען", אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, אָבֶּער אַז אִיר הָאט אַפָּאר נֶעמֶען - מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר וֶועט לַיידְן. עֶס אִיז אַזוֹי ווִי בַּיי חָכְמַת הַיָּד, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "כָּל הַחָכְמָה הַזֹּאת הוּא אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ", דִי חָכְמָה פוּן קוּקְן אוֹיף דִי הַאנְט אוּן זֶען וָואס גֵייט זַיין מִיט'ן מֶענְטְשׁ אִיז אַן אֱמֶת'ע חָכְמָה, "יֵשׁ קַו הַחַיִּים", מֶען קֶען זֶען אוֹיפְ'ן הַאנְט ווִילַאנְג מֶען גֵייט לֶעבְּן, "קַו הַחָכְמָה", מֶען קֶען זֶען אוֹיבּ מֶען הָאט חָכְמָה, "קַו הַשֻּׁלְחָן", מֶען קֶען זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה, "קַו הַגְּדוּלָּה", אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן גְרוֹיסְקֵייט, "וַאֲפִלּוּ אִם קוֹרְאִים בְּקַו הַחַיִּים וְכוּ', שֶׁהָאָדָם הַזֶּה יֵשׁ לוֹ קִצּוּר יָמִים וְהוֹלֵךְ לָמוּת וְכוּ', אוֹ שֶׁנִּגְזַר

עָלָיו עֲנִיּוּת וְכוּ'", דָאךְ דַארְף מֶען וויסְן, וָוער עֶס קֶען דִי חָכְמָה פוּן חָכְמַת הַיָּד אוּן זֶעט לוֹיט דִי סִימָנִים אוֹיף דִי הֶענְט אַז עֶר וָועט לֶעבְּן וֵוייניג, נִישְׁט הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ, אָדֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, "אִם רַק יְסוֹבֵב פָּנָיו אֶל הַקִּיר וְיִבְכֶּה בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְיַחְזֹר בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, הַכֹּל יָכוֹל לְהִתְהַפֵּךְ לְטוֹבָה, כִּי אֵין הַקָּוִים מְחַיְּבִים כְּלָל", אוֹיבּ וָועט עֶר אוֹיסְדְרֵייעֶן זַיין פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן וֵויינֶען מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָועט זָאגְן אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אָדֶער טוּן אַ חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דוּרְכְּדֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע זַאכְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, מִיר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֶע גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען קֶען מִיט דֶעם אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיר שְׁפִּירְט וִוי דִי טֶעג פְלִיעֶן וְכוּ'; אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, דִי טֶעג פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל אַ שָׁאטְן, "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה" (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו), זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן, נָאר עֶס פְלִיט דוּרְךְ וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען וֶוערְט טָמֵא וְכוּ'; אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרַיין נָאר צוּ נֶעמֶען עֶפֶּעס - וֶוערְט מֶען טָמֵא, מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶעבִּי'ן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶועט אִיר שְׁפִּירְן וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַֿאר קִינְדֶער

## רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא

וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער וֵוייסְן פַארְוָואס מִיר דֶערְמַאנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען מִיט זַיין מַאמֶעס נָאמֶען, אַנְדֶערְש ווִי מֶען דֶערְמַאנְט אַנְדֶערֶע נִפְטָרִים מִיט זֵייעֶר טַאטֶעס נָאמֶען? - קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר מַיין מַאמֶע דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת פֵיגָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וַוייל זִי הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק"; דִי גַאנְצֶע צַייט פַאר דִי רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן דִי גַאנְצֶע צַייט נָאכְן גֶעבּוֹירְן פְלֶעגְט זִי גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים.

אֵיינְמָאל אִיז זִי גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וַוייל אִיר מַאן שִׂמְחָה - דֶער רֶבִּינְ׳ס טַאטֶע - זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אוֹיבּ אִיר מַאן וֶועט נָאךְ אַהֵיים קוּמֶען פַאר שַׁבָּת, אַ גַאנְץ פְרַייטָאג הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיים קוּמֶען״, בַּיי לִיכְט צִינְדְן הָאט זִי וַוייטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיים קוּמֶען״.




אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

נָאכְן צִינְדְן דִי לִיכְט אִיז זִי גֶעלָאפְן צוּם צִיוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן פַאר אִיר אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט קוּמֶען, עֶר וֶועט קוּמֶען", "עֶר אִיז שׁוֹין אִינֶעם תְּחוּם שַׁבָּת"; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים.

אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן פְלֶעגְט דִי גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת פֵיגָא נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי וֶועגֶעלֶע, זִי פְלֶעגְט פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, זִי הָאט זִיךְ דָארְט אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען; זִי פְלֶעגְט דָארְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין זְכוּת זָאל מֶען אִים דֶערְמַאנֶען מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען: "רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".